

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
רבי **אביגדור מיללער** זצ"ל

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

בראשית
תשפ"א לפ"ק
גליון קל"ט

## פראגע

**מיר טרעפן אז געוויסע תנאים זענען געווען זייער רייך, ווי רבי אלעזר בן עזריה, רבן גמליאל און רבי אליעזר בן הורקנוס, און געוויסע זענען געווען זייער ארים ווי רבי יהושע בן חנניה. זיי זענען אלע געווען צוזאמען און זיך געקענט. פארוואס האבן נישט די רייכע געגעבן געלט פאר די ארימע און זיי אויך געמאכט רייך?**

## ענטפער:

דער ענטפער איז, ווייל די ארימע תנאים האבן געהאט שכל. רבי יהושע בן חנניה וואלט נישט גענומען זייער געלט. ער האט נישט געוואלט נעמען פון זיי, ווייל ווען מען נעמט מתנות פון אנדערע מענטשן ווערט מען פארקנעכט צו זיי. מען פארלירט די אייגענע בחירה.

איר ווייסט, ווען עמיצער עסט ביי אייער טיש און איר זאגט אים אייערע תורה'ס, וועט ער אייביג מסכים זיין, "אה! ס'איז געווען א גוטע דבר תורה." עס קען באמת זיין אז ס'איז נישט געווען אזוי גוט, אבער ער עסט ביי אייער טיש און ער האט פארלוירן זיין בחירה חפשית. ער מוז צושאקלען מיט אלעס וואס איר זאגט.

און דערפאר, ווען איר זענט מקבל מתנות פון עמיצן, דארפט איר וויסן אז איר ווערט פארקויפט פאר יענעם מענטש. איר האט שוין נישט די מעגליכקייט צו טון וואס איר וואלט ווען געדארפט טון. און דעריבער "שונא מתנות יחיה". אויב איר ווילט **לעבן**, לעבן מיינט פאר'ן ציל פון בחירה; צו קענען ווייטער לעבן כדי אויסצודרוקן אייער יכולת פון אויסוועלן די ריכטיגע וועג. דאס מיינט "ובחרת בחיים" – אויסצואוועלן די ריכטיגע וועג אלעמאל. דאס איז די סיבה פארוואס מען לעבט, און כדי אנצוהאלטן די בחירה דארף מען זיין א שונא מתנות.

וועגן דעם האט רבי יהושע נישט געוואלט נעמען קיין זאך פון זיי. זיי וואלטן אים גערן געגעבן, אבער ער וואלט נישט גענומען. (E-77)

## פראגע

**וויאזוי קען מען זיך אפשאקלען פון די געוואוינהייט פון נישט זען די גוטסקייט פון רעגן?**

## ענטפער:

דורכ'ן קומען דא און רעדן וועגן די זאכן פון וואס מיר האבן גערעדט היינט נאכט. (דער שיעור יענע נאכט האט זיך באצויגן איבער אנערקענען די חסד ה' פון רעגן.) דורכ'ן רעדן דערוועגן אויפ'ן גאס. דורכ'ן טראכטן דערוועגן ווען מען זעצט זיך אראפ צום טיש עסן. יעדן טאג וואס עס רעגנט, זאלט איר מאכן זיכער צו טראכטן די סארט מחשבות.

מען דארף האלטן אין איין ארבעטן דערויף ביז עס ווערט א חלק פון די מחשבה רוטין, ווייל סתם זיך אפצורעדן איז גרינג. באקוועמערהייט טוט מען נאך די געוואוינהייטן פונעם המון עם. אויב איר **לאנט זיך אן און רועט זיך אפ** – אזוי ווי עס שטייט אין די טעקסי אז מען זאל טון... – וועט איר איינשלאפן און פארפאסן די הערליכע סצענעס אונטערוועגנס; איר וועט פארפאסן די געוואלדיגע לימודים פונעם לעבן. מען דארף ארבעטן שווער צו וואקסן גרויס.

יעדעס מאל עס רעגנט, ווערט פארנומען צו טראכטן וועגן די רעגן. יעצט, אייערע חברים וועלן טראכטן אז איר זענט א שוטה. זיי וועלן טראכטן אז איר זענט א מאדנער מענטש און זיי וועלן אויפהערן זיך צוצוהערן צו אייך, און ער וועט מוזן רעדן צו זיך אליינס. מען וועט אייך זען אראפשפאצירן אושען פארקוועי, מורמלנדיג צו זיך אליינס... אבער איר דארפט פארשטיין אז איר ווערט א גרויסער מענטש.

ווען איר האט חתונה הייבט איר אן צו רעדן צו אייער ווייב וועגן די רעגן. פאר די ערשטע פאר טעג וועט זי זיך דארפן אויפפירן שיין און זי וועט נאך צוהערן צו אייך. אבער נאך א ווילע וועט זי זאגן, "הער אויף, ביטע. הער אויף! איך האב שוין גענוג געהערט דערוועגן. האסט

מיר שוין געזאגט פאריגע וואך אז מיר זענען אכציג פראצענט וואסער...!" האט איר שוין ווייטער נישט צו וועם צו רעדן. איז ווען אייער ווייב איז נישט נעבן אייך, מאכט צו די טיר און הייבט אן צו רעדן צו זיך אליינס וועגן די רעגן. און צוביסלעך, וועט איר אריינרעדן אין זיך אליינס און **איר וועט אנהייבן צו האבן אויגן**. איר וועט ווערן א מענטש וואס זעט דעם אמת.

אבער איר זאלט נישט דערווארטן קיין שותפים אין אייער הצלחה. ווען א מענטש שטייגט העכער ווערט ער מער און מער אפגעזונדערט. ווען מען קריכט הויעך אויף א בארג, ווערט די לופט מער און מער שיטער. די געזעלשאפט איז טיף אונטען אויף דער ערד, אבער ווען מען קריכט העכער אויפ'ן בארג, האט מען ווייניגער און ווייניגער קאמפאניע. ווען מען קומט אן צום שפיץ, איז בכלל נישט דא קיין "קאמפאני". משה רבינו איז אנגעקומען צום שפיץ; ער האט געזאגט א גוטן טאג צו די מענטשהייט. ער איז פון דעמאלטס אן געווארן אנדערש פון אלע אנדערע מענטשן.

ס'איז שווער צו זיין אן אידעאליסט. מען דארף זיין **אנדערש**. דער סוד איז, אז מען דארף זיין אביסל א משוגענער... "מוטב שיהיה שוטה כל ימיו בעיני הבריות" – ס'איז בעסער צו זיין א משוגענער אגאנץ לעבן אין די אויגן פון מענטשן. "ואל יהיה רשע שעה אחת לפני המקום" – כדי דער אויבערשטער זאל הנאה האבן פון דיר.

אבער נוצט די עצה פארזיכטיג. ס'איז א רעצעפט פאר גדלות, א פרעסקריפשן, אבער מען דארף וויסן וויאזוי עס צו נוצן. פרובירט נישט סתם צו זיין א שוטה... (R-32#)

## פראגע

# זאלן מיר שטימען פאר א פרעזידענטליכע קאנדידאט אויפ'ן חשבון אז ער וועט ברענגען מער זשאבס פאר אידן?

## ענטפער:

פארגעס דערוועגן! קיינער וועט נישט ברענגען מער זשאבס פאר אידן. ס'איז גארנישט חוץ בלאף. ווי איך האב געזאגט פריער – מענטשן פרעגן מיר פאר וועם איך גיי וואוטן. איך גיי וואוטן פאר בוש. איך וועל אייך זאגן א טייל פון מיינע סיבות. איין סיבה איז אז זשעיסי זשעקסאן (א ליבעראלער אקטיוויסט) איז קעגן אים. אויב זשעקסאן איז קעגן בוש, בין איך מיט בוש. אויב די משחתים זענען קעגן בוש, בין איך פאר בוש. אויב די תועבה'ניקעס זענען קעגן בוש, בין איך פאר בוש. אויב די ראדיקאלן זענען קעגן בוש, בין איך פאר בוש.

אמעריקע איז היינט צו טאגס אין א געוואלדיגע סכנה. זאגט נישט אז ס'איז עפעס וואס זיי האבן אייביג געזאגט. ניין, ס'איז נישט וואס זיי האבן אייביג געזאגט. היינט איז דא א רעוואלוציאנערע צוגאנג וואס ווערט געלערנט אין אלע קאלעדזשעס; די יוגנט ווערט געלערנט פיינט צו האבן אמעריקע, פיינט צו האבן אויטאריטעט, פיינט צו האבן פאליציי, פיינט צו האבן אלעס וואס איז טראדאציאנאל, זיך צו שלאגן מיט די עסטעבלישמענט. זיי וויסן ניטאמאל פונקטליך וואס זיי זאגן, אבער איין זאך ווייסן זיי אז אלעס פון אויטאריטעט דארף מען פיינט האבן.

דער עכטער אמת איז אז זיי ווייסן נישט וואס צו טון מיט זיך, ווייל זיי האבן צופיל צו עסן. זיי האבן צופיל לוקסוס און זיי זוכן פאר עפעס שפאנונג און ווילדקייט, און דערפאר ווערן זיי איבערגענומען מיט געדאנקען פון זיך שלאגן קעגן אמעריקע, קעגן קאפיטאליזם, פון זאגן אז אמעריקע איז די ערגסטע לאנד אין דער וועלט.

מען האט גענומען א צענזוס, אן אויספרעג צווישן סטודענטן – ווער איז דער ערגסטער מענטש אין די מאדערנע היסטאריע? דער ערשטער אויף די ליסטע איז געווען היטלער. ברוך השם. דער צווייטער איז געווען ראנעלד רעיגען! דער צוויט-ערגסטער מענטש איז פרעזידענט רעיגען! קאדאפי און אלע אנדערע רשעים, זיי זענען געווען אונטן פון די ליסטע, אבער רעיגען איז געווען דער צוויט-ערגסטער מענטש אין די מאדערנע היסטאריע. דאס איז וואס זיי לערנען אין די קאלעדזשעס.

מיר זענען אין א גרויסע סכנה היינט און די אלע נידריגע מענטשן וואס שטודירן אין די קאלעדזש אוניווערסיטעטן, וואס טוען זיי דארט? זיי נוצן זייער צייט און אונזער געלט, און זיי גייען ווערן די ריכטער און די קאלעדזש פראפעסארן אין די קומענדיגע יארן. מיר גייען צוזען א שרעקליכע שטורעם, חס ושלום, אין די קומענדיגע יארן.

און דערפאר, אויב קענען מיר האבן איינעם אין קאנטראל, וועלכער איז כאטש אביסל קאנסערוואטיוו, וועלכער פרובירט צו באשיצן פאמיליע-לעבן, וועלכער פרובירט זיך צוריקצושלאגן קעגן דעם חורבן פון מאראלישע ווירדן, דער איז וועם מיר ווילן. טראצדעם וואס מיר גלייבן אים נישט אינגאנצן – ס'איז פאליטישע שפראך. ס'איז קאמפיין גערעדאכטס, אבער כאטש רעדט ער די ריכטיגע סארט ווערטער, איז ער דער מענטש פאר וועם מיר דארפן שטימען.

מיר זענען אין א געוואלדיגע סכנה אין אמעריקע. מיינט נישט אז אמעריקע וועט אלעמאל זיין. אמעריקע שטייט ביי א שיידוועג, און עס ליגט אויף אונז צו טון וויפיל ס'איז נאר בידינו ארויסצוהעלפן. (890#)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל










$1 א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב